## איציק מאַנגער

# חנהס וויגליד

חנה וויגט איר בן-יחידל:
„שלאָף, שמואליקל טאַטע, שלאָף,
דרײַ אַלטע ייִדן זע איך גיין,
דרײַ פֿון די ל״ו.

איינער איז פֿון יאַראָסלאַוו,
דער צווייטער פֿון לובלין,
דער דריטער דרייט אַ פּאַפּיראָס
פֿון טערקישן טיטין.

זאָגט דער ייִד פֿון יאַראָסלאַוו
און גלעט די ווײַסע באָרד:
– עך זעט די פּלומפּ אין מיטן מאַרק
און אָט דעם בנין דאָרט?

דאָרט וווינט אלקנה, דער גבֿיר,
דער גרעסטער מן הסתּם,
מאַיאָנטעקעס אין גאַנצן לאַנד
און שיפֿן אויפֿן ים. –

זאָגט דער ייִד פֿון אַלט-לובלין:
– זעט נאָר אַן אַנטיק,
די עקרה חנה וויגט
אַ נביא אין דער וויג.

און ס׳שייט אין דרויסן אויף דער שוועל
אַ מלאך אויף דער וואַך,
ער בלעטערט בײַם לאַמטערן-שײַן
דעם געטלעכן תּנ״ך. –

זאָגן דער דריטער אַלטער ייִד,
וואָס דרייט דעם פּאַפּיראָס:
– די גרילן לייענען קרישמע שוין
אין פֿייכטן אָוונטגראָז

און יעדער פֿויגל אין זײַן נעסט
טרילערט פֿונעם שלאָף,
און ס'סדרן זיך די שטערן אויס,
אַן אלף און אַ תו –

אַ כּתבֿ פֿון זילבער און פֿון גאָלד,
שיין, נישט צום פֿאַרשטיין –
דעם מיין פֿון אָט דעם כּתבֿ פֿאַרשטיין
קען גאָט ברוך הוא אַליין.

נאָר שאַט, רבותי, זיך פֿאַררעדט,
שוין צײַט מיר זאָלן גיין.
אַ גוטע נאַכט דעם נבֿיא שמואל.
זאָגט אַלע הויך: אמן! –

© 2005 Leonard Prager. All Rights Reserved.